# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת כי תבא שנת תש"פ לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# שיחות וסיפורים

## זיך שאקלען ווען מען לערנט

נט) שבת קודש פרשת שופטים תש"פ אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א געלערנט א שטיקל זוהר הקדוש (פרשת פינחס רי"ט.) וואס זאגט דעם חילוק צווישן אידישע קינדער און להבדיל די גוים; די נשמה פון איד איז ווי א ליכט, ווי עס שטייט (משלי כ, כז): "נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם", ווען א איד לערנט די הייליגע תורה צינדט זיך אן אין אים א פלאם, דערפאר הייבט ער זיך אן צו שאקלען מיט א ברען, אבער די נשמה פון להבדיל א גוי איז ווי שטרוי וואס קען נישט ברענען, עס האלט זיך נישט לאנג קיין פייער דערויף, עס ברענט גלייך אויס, דערפאר שאקלט ער זיך נישט. האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: "דער הייליגער חתם סופר זכותו יגן עלינו איז אמאל אריין געקומען אין א חדר וואו א מלמד איז געזעסן מיט קליינע קינדער און געלערנט מיט זיי תורה, האט ער געזען ווי אלע קינדער לערנען און שאקלען זיך אויסער איין אינגל וואס לערנט אבער שאקלט זיך נישט, האט דער הייליגער חתם סופר געזאגט מען זאל גוט נאכקוקן און פארשן ווער דאס קינד איז, איז מען נאכגעגאנגען די איינצלהייטן פון דעם קינד און מען איז טאקע געוואויר געווארן אז דער קינד איז א היימלאזער גוי'אישער אינגל וואס האט זיך צוגעטשעפעט צו די אידן, - דאס האט דער הייליגער חתם סופר באמערקט אויפ'ן קינד זעענדיג ווי דאס קינד לערנט תורה אן זיך שאקלען"; אזוי ווי עס שטייט אין זוהר (שם), "פון דעם אליין קען מען זען א חילוק פון א איד ביז להבדיל א גוי".

## פארוואס לערנט מען זוהר?

ס) נאכ'ן לערנען זוהר הקדוש האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן: "ווען א מענטש לערנט גמרא טראכט ער צו זיך: 'איך' ווייס, 'איך' קען וכו' וכו', אבער ווען מען לערנט זוהר, מען לערנט איבער די גרויסקייט פונעם אייבערשטן און וואס טוט זיך אפ אויף אלע וועלטן

מיט יעדע קליינע פעולה וואס א מענטש טוט וכו', זעט מען: 'איך ווייס גארנישט, איך פארשטיי גארנישט וכו''; דערפאר לערנט מען זוהר מען זאל דאס אנערקענען: 'איך ווייס גארנישט און איך פארשטיי גארנישט ווי גרויס דער אייבערשטער איז וכו''.

## שמחת המצוות

סא) בעפאר דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן דעם שיעור אין ספר 'פעולת הצדיק' האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן: "עס איז שוין שפעט, מען דארף שוין גיין דאווענען, מען פארט דאך שוין באלד אויף אומאן, עס קומט שוין ראש השנה..."

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערמיט מעורר געווען ווי שטארק מען דארף זיך פרייען מיט די ימים טובים און מחנך זיין די קינדער אפצואווארטן די ימים טובים מיט פרייד.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: דאס וואס איך בין אזוי פרייליך בעפאר עס קומט יום טוב, דאס איז צוליב דעם וואס איך בין אזוי אויפגעוואקסן פון אלס קינד, אינמיטן זומער פלעגט איך שוין הערן ביי אונז אינדערהיים: "מען דארף שוין מאכן קורצערע סעודות ווייל מען דארף זיך שוין גיין גרייטן צו 'די הייליגע טעג'..."[א].

---

[א] ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט שטענדיג: א מענטש גייט אין גאס עס פארט אדורך א שיינע קאר ווערט ער באגייסטערט און רופט זיך אן: 'קוק, א שיינע קאר...' אבער אז דו וועסט אים פרעגן: וואס האט דער שיינע קאר מיט דיר? וואס ווערסטו אזוי פרייליך? וועט ער נישט וויסן וואס צו ענטפערן; ער רעדט פון דעם קאר מיט פרייד ווייל אזוי האט ער געהערט פון זיינע עלטערן, זיי פלעגן שמועסן פון שיינע קאר'ן איז דאס אים אריין אין קאפ אז יעדעס מאל ער זעט א שיינע קאר ווערט ער באגייסטערט, - פירט דער ראש ישיבה שליט"א אויס: עלטערן וואס רעדן אינדערהיים און פרייען זיך מיט'ן יום טוב, מען זינגט מיט די קינדער 'עס גייט שוין קומען יום טוב', 'עס גייט שוין קומען יום טוב' - וועלן די קינדער זיך פרייען מיט ימים טובים.

## א שארפע בריוו

סב) א אינגערמאן האט זיך אנגערופן צום ראש ישיבה שליט"א: איך האב געליינט דעם שארפן בריוו אין 'עצתו אמונה'...[ב], האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "דאס איז נישט א שארפע בריוו, דאס איז געשריבן ווייך און הארציג, איין שטיק רחמנות; ווען איינער קומט דיך זאגן: 'דו האסט מער נישט קיין תקנה, דו קענסט מער נישט תשובה טון' - דאס איז שארף; אבער אויב מען ווייזט יענעם די ריכטיגע וועג ווי אזוי זיך צו פירן, אפילו מען זאגט דאס שטרענגערהייט - איז דאס נישט 'שארף'.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט דאס צוגעגליכן צו די אנווייזונגען וואס די פירמעס שרייבן אויף די פלעשער וואס ענטהאלטן שארפע כעמיקאלן: "אויב דו וועסט זיך נישט באנוצן מיט דעם אויף די ריכטיגע וועג - קען דאס זיין א לעבנס-געפאר", דאס הייסט נישט 'שארף' געשריבן, דאס הייסט פשוט אויסגעלערנט ווי אזוי זיך היטן דאס לעבן.

## זינגען זמירות מיט די קינדער

סג) דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן צו דער מלמד וואס זינגט מיט די קינדער ביי שלש סעודות: "אויב עס איז דיר צו שווער צו זיצן מיט די קינדער און זינגען מיט זיי, קענען מיר זיך אויפטוישן, איך וועל גיין זינגען מיט די קינדער און דו זאלסט פארלערנען...; חינוך איז די וויכטיגסטע זאך, זינגען זמירות מיט די קינדער איז חשוב'ער פון אלעס".

[ב] ער האט זיך באצויגן אויף דעם בריוו (עצתו אמונה מטות מסעי תש"פ) "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן דָאס שְׁטֶעטְל".

## 'ווען' זיין אן ערליכער איד

סד) אינמיטן א שמועס האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן אויף א תלמיד: "ער איז פון מיינע חשוב'סטע תלמידים". האט זיך איינער פון די אנוועזנדע אנגערופן: "אוודאי, ווייל ער האט דאך געענדיגט 'כל התורה כולה' אין איין יאר", האט דער ראש ישיבה שליט"א אים פאררעכטן: "ניין, נישט דאס איז א חידוש צו ענדיגן כל התורה כולה אין איין יאר, די חידוש זיינע איז: זייט ער איז מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן פרעגט ער יעדן טאג: 'וואס וועט זיין מיט מיר, צי וועל איך נאך אמאל זוכה זיין צו ווערן אן ערליכער איד?'"

א מענטש וואס פרובירט יעדן טאג פון פריש צו זיין אן ערליכער איד, ער געבט נישט אויף זיין ווילן אפילו ווען ער זעט ווי עס גייט אדורך יארן און גארנישט ריקט זיך נישט צום בעסערונג, יעדן טאג בעט ער דעם אייבערשטן מיט א פרישקייט: "רבונו של עולם, ווען וועל איך שוין זיין אן ערליכער איד?" - דאס איז חשוב'ער ווי לערנען כל התורה כולה אין איין יאר[ג].

## לערנען תורה מיט מסירת נפש

סה) דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן צו זיין מחותן דער מנהל פון תלמוד תורה היכל הקודש נרו יאיר: "קען זיין אז דאס וואס מיר האבן זיך משדך געווען, דאס האבן מיר זוכה געווען דורכ'ן זכות וואס מיר האלטן אפן דעם תלמוד תורה מיט מסירות נפש יעדן טאג, אפילו

[ג] ווי דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט ביי די שיעורים: אמאל איז א איד געקומען צו רבי נתן און אים דערציילט אז ער האט א חבר וואס קען טויזנט בלאט גמרא בעל פה, האט רבי נתן זיך אויפגעטון און אים געזאגט: "מַיין תַּלְמִיד עוֹזֵר קֶען זָאגְן טוֹיזְנְט מָאל 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם'".

במשך די טעג וואס די רעגירונג האט געהייסן פארשליסן די מוסדות און די פאליציי זענען געקומען יעדן טאג צו אונז קלאפן אויפ'ן טיר וכו', עס איז נישט געווען גרינג וכו', דאך האבן מיר עס אנגעהאלטן מיט מסירת נפש, כדי נישט מבטל זיין לימוד התורה פון די תינוקות של בית רבן אפילו איין טאג".

# שיעור פעולת הצדיק שבת פרשת שופטים תש"פ

דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט פעולת הצדיק (סימן תרנ"א): ווי דער רבי האט געזאגט: "איך האב אזא השגה אינעם אייבערשטן וואס איך וואלט געקענט דורך דעם ברענגען משיח, אבער איך האב אלעס אוועק געלייגט און איך האב זיך גענומען ענק צוריק ברענגען צום אייבערשטן, ווייל דאס איז גרעסער פון אלעם".

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "זעט מען פון דא דאס גרויסקייט פון הפצה, אז דער רבי האט אלעס אפגעלאזט אבי צו קענען צוריק ברענגען נאך א איד צום אייבערשטן. דערפאר דארפן מיר אויך זען עוסק זיין יעדן טאג אביסל אין הפצה, מען קען נישט זיין באקוועם, וויסן פאר זיך אלע עצות פון הייליגן רבי'ן, לערנען זוהר, און מדרשים וכו' אן טון אביסל פאר אנדערע; מען דארף אויך אביסל עוסק זיין אין הפצה".

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: איין טאג די וואך, איז געקומען א משגיח פון א געוויסע ישיבה צום שיעור התחזקות, נאכן שיעור איז ער זיך צוגעקומען באדאנקען און געזאגט: "איך האב באקומען ביי מיין טיר פון א מפיץ א 'יו עס בי' מיט אלע שיעורים פון ישיבה, און דאס האט געטוישט מיין גאנצן לעבן צום גוטן"; און ער זאגט ווייטער: "איר מיינט נאר בחורים דארפן חיזוק? אידן מיט ווייסע בערד דארפן אויך חיזוק... איך האב באקומען דורך די שיעורים א חיות אין יעדע מצוה, איך האב באקומען א געשמאק אין שבת, איך האב אנגעפאנגן זיך צו פרייען מיט מיין בארד און פיאות, - דאס איז אלעס צו פארדאנקען דעם מפיץ וואס האט מיר דאס געברענגט צו מיין טיר".

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "עס קומען יעצט די הייליגע טעג, וויפיל מענטשן טראכטן נעבעך שטילערהייט: 'הלוואי ווען קען איך ווען אנטלויפן פון א' סליחות ביז מוצאי שמחות תורה, איך האב נישט קיין כח צו די אנגעצויגענע טעג...', ליידער הערט מען פון מענטשן נאך ערגערע ווערטער, מענטשן טרייבן ליצנות פון די הייליגע טעג, פון

די תורה, מענטשן רעדן כפירה ווערטער רחמנא ליצלן, דערפאר דארף מען זען עוסק צו זיין אין הפצה צוריק ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן".

און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "איך וויל אז די בחורים זאלן אויפשטעלן טישלעך אין שטאט, ביי יעדע פאר גאסן זאל זיין נאך א טיש, און עס זאל דארט זיצן א מפיץ מיט א קליינע ספיקער וואס זינגט ניגוני אמונה, און ער זאל מיפץ זיין דארט קונטרסים און סידו"ס וכדומה.

ברוך ה' אז היינט קוקט מען שוין אנדערש אויף די ספרים און קונטרסים, עס איז אינגאנצן אנדערש ווי פאר צען יאר צוריק. און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: אין אנהויב פון די ישיבה איז א בחור געגאנגען 'הפצה' האט ער אנגעטראפן א קרוב זיינע, האט אים יענער געפרעגט: "דו שעמסט זיך נישט?! דו גייסט ארום מיט די ספרים און קונטרסים, עס איז בושה, 'די גאס' לאכט פון ענק...?!" האט דער בחור אים געענטפערט: "געב עס אפאר יאר, נאך אביסל זענען מיר 'די גאס'... זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: "ברוך השם אז היינט איז דאס שוין מקויים געווארן, היינט זענען מיר 'די גאס', אלע נעמען די ספרים און אלע זענען זיך מחיה מיט די ספרים.

מען דארף זיך מער נישט באהאלטן און זיך שעמען צו גיין הפצה. אז דו טרעפסט איינעם בשעת'ן אנפולן דיין קאר מיט געז געב אים א 'גליון', דו קענסט אויפלעבן דעם איד. דו דאווענסט שחרית אין א מנין קבוע, לייג אראפ עטליכע גליונות אויפ'ן טיש פאר מען שטעלט זיך דאווענען כדי אנדערע זאלן זיך אויך מחיה זיין דערמיט, זיי זאלן אויך זען די שיינע התחזקות.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ווייטער: "עס איז שווער צו וויסן ווער זענען די נאנטע תלמידים ווער זענען די ווייטע תלמידים; עס האט נישט צוטון וואו מען וואוינט, מען קען וואוינען נעבן דעם ראש ישיבה אבער ער איז נישט קיין נאנטער תלמיד, ער דארף פשוט א גאנצן צייט נאך און נאך חיזוק, ווידעראום זענען דא תלמידים וואס וואוינען ווייט אבער ער איז זייער א נאנטער תלמיד, עס גייט אים אין לעבן אז נאך

אידן זאלן וויסן און לעבן מיט די עצות פון רבי׳ן״.

דער ראש ישיבה שליט״א דערציילט: א אינגערמאן האט מיר געזאגט ער האט זיך געקויפט א קליינעם פרינטער צו פרינטן גליונות, יעדע וואך גייט ער ארום צו די עטליכע שולן אין זיין געגענט און ער פארשפרייט גליונות; אנפאנג פלעגט ער דאס טון אין א צייט וואס קיינער איז נישט אין שול כדי מען זאל נישט זען ווער עס פארשפרייט די גליונות וכו׳, אבער היינט - זאגט מיר דער אינגערמאן - פארשפרייט ער דאס בשעת מענטשן זען יא, ווייל דאס אליינס איז אן ׳הפצה׳, זאלן די מענטשן וואס קענען מיר זען ווי ׳איך׳ וואס זיי קענען מיר אלס נארמאלער, געשמאקער, בעל הבית׳ישער, אינגערמאן איז זיך מחיה דערמיט, אפשר וועלן זיי טראכטן עס נאכצומאכן, אויך אנהייבן לעבן מיט׳ן רבי׳נס עצות.

דער ראש ישיבה שליט״א האט צוגעענדיגט און געפרעגט: לכאורה איז נישט פארשטענדליך דאס וואס דער רבי זאגט: ״איך האב אזא השגה אינעם אייבערשטן וואס איך וואלט געקענט דורך דעם ברענגען משיח, אבער איך האב אלעס אוועק געלייגט און איך האב זיך גענומען ענק צוריק ברענגען צום אייבערשטן, ווייל דאס איז גרעסער פון אלעם״ - פארוואס האט דער רבי ענדערש געטון אין מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן ווי איידער זיין דבוק צום אייבערשטן, ביידע זאכן זענען דאך מקרב די גאולה, פארוואס איז דאס גרעסער פון אלעם? נאר - האט דער ראש ישיבה שליט״א געענטפערט - ווען דער רבי וואלט געבליבן לערנען פאר זיך נישט האבנדיג קיין שייכות מיט מענטשן וואלט ער געברענגט משיח פאר זיך אליין, ווייל א צדיק וואס לערנט און דאווענט א גאנצן טאג איז ביי אים ווי משיח איז שוין דא, אבער דער רבי ענדערש געוואלט ברענגען משיח פאר אלע אידן, יעדער זאל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן טון אין הפצה וועלן מיר זוכה זיין צו די גאולה, אמן.